# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת אמור, י' אייר, אבות פרק ג' שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 32 (650)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:50
מוצאי שב"ק.....................9:20

**שיעורים כסדרן**
נ"ך....................... מלכים א יג-יד
בבלי...................... בבא מציעא פ
ירושלמי.................. עירובין סה
תוספתא.................... סנהדרין יג
רמב"ם...................... מעשר ב

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן, וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם, לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ 'זָאג פַאר דִי כֹּהֲנִים דִי קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן', 'אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן צוּ זֵיי', וָואס אִיז דֶער טָאפְּלְט לָשׁוֹן פוּן זָאגְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכ"א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים מ', ח') "אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי, לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אִין אַ סֵפֶר, אוּן וואוּ עֶר קוּקְט נָאר אַרַיין אִינֶעם סֵפֶר שְׁפִּירְט עֶר אַז ס'אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִים, אַז ס'זָאגְט מוּסָר פַאר אִים פֶּערְזֶענְלִיךְ, דַאן אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר ווִיל טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי", וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט אַז דֶער סֵפֶר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, דַאן אִיז דָאס אַ צֵייכְן אַז "לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי", אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

ס'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אַ דְרָשָׁה, אָדֶער לֶערְנֶען אַ סֵפֶר, אוּן זֵיי טְרַאכְטְן גְלַייךְ אַז דָאס וָואלְט גֶעוֶוען גוּט פַאר יֶענֶעם צוּ הֶערְן, אוּן דָאס וָואלְט אַ צְוֵוייטֶער גֶעדַארְפְט ווִיסְן, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶר אַלֵיין אִיז גָאר דֶער וָואס דַארְף זִיךְ פַארְעכְטְן, עֶר נֶעמְט נִישְׁט דִי דִבְרֵי מוּסָר פַאר זִיךְ נָאר פַאר יֶענֶעם, אִין דִי צַייט וָואס דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶר אַלֵיין אִיז גָאר דֶער וָואס דַארְף דָאס הָאבְּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶר וֵוייסְט וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַסַאךְ צוּ פַארְעכְטְן, וֶועט עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זֶען אִין אַ סֵפֶר דִי מוּסָר רֵייד וָואס עֶר דַארְף צוּ לֵיינֶען, אָדֶער צוּ הֶערְן אַ דְרָשָׁה פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז אִים מְעוֹרֵר אוֹיף זַאכְן וָואס עֶר דַארְף בֶּעסֶער מַאכְן. עֶר וֶועט נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְעכְטְן אוּן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן אוֹיפְפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער טָאפְּלְט לָשׁוֹן אִינֶעם פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי כֹּהֲנִים, אָבֶּער עֶר זָאל צוּלֵייגְן דֶעם "וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם", אַז עֶר רֶעדְט טַאקֶע צוּ זֵיי, זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דִי רֵייד פַאר זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט אַז ס'וָואלְט גוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן צוּ הֶערְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין "לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו", זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין אוּן אָפְּ'פַּסְלְ'ן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר זֵיי וֶועלְן ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער צַדִּיק רֶעדְט נָאר צוּ זֵיי, אוּן זֵיי וֶועלְן נֶעמֶען דִי מוּסָר רֵייד נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּהֶערְן וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן אוּנְז, לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע סְפָרִים אוּן אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע מוּסָר רֵייד, אוּן עֶס נֶעמֶען פַאר אוּנְז אַלֵיין, זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן וֶועלְן מִיר גֶעווִיס זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אֱמוֹר תשס"ה)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי

<<<<<<

## א גוט ווארט

רֶעד אַסַאךְ מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן גוּטֶע מִדּוֹת, פוּן פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן אוּן לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן; דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס אַ מְנַהֵל אוּן אַנְדֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין יְשִׁיבָה דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידִים, אוּן אַז מֶען זֶעט בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר דַארְף מֶען אִים הֶעלְפְן דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אוּן אַסַאךְ פוּן מְוַותֵּר זַיין וְכוּ' וְכוּ'.

לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס הִלֵּל הָאט גֶעלֶערְנְט מִיטְן גֵר (שַׁבָּת לא.): "דְּעָלָךְ סָנֵי, לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבֵיד", וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל דִיר טוּן - טוּ נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן, לֶערְן מִיט זֵיי דִי לִימּוּד פוּן יְמֵי הַסְּפִירָה, וָואס רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעלֶערְנְט: "'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה" (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.).

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד עֶקְסְטֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמֹר תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַר "פֶּסַח שֵׁנִי", י"ד אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ו

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז פֶּסַח שֵׁנִי; וָואס דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דַּוְקָא דוּרְךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טְמֵאִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר ט, ו-ז): "וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, וְלֹא יָכְלוּ לַעֲשֹׂת הַפֶּסַח בַּיּוֹם הַהוּא, וַיִּקְרְבוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי אַהֲרֹן בַּיּוֹם הַהוּא, וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים הָהֵמָּה אֵלָיו אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן הוי"ה בְּמֹעֲדוֹ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל?!" אוּן דַּוְקָא וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מוֹסִיף זַיין נָאךְ אַ פַּרְשָׁה אִין דִי תּוֹרָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח. ר' נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הִלְכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת, הֲלָכָה ה, אוֹת טז) אַז מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן הוי"ה?" פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד? הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע מַדְרֵגוֹת.

דֶערְפַאר טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף פוּן דַיין עַצְבוּת אוּן פוּן דַיין מְרִירוּת, אוּן גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁרַיי: "לָמָּה נִגָּרַע? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ אַ רֵיינֶע מֹחַ! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכַת אַפַּיִם - זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט! אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת וְכוּ'", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פֶּסַח שֵׁנִי.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער צוּ אִים, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין שַׁיָּיכוּת מִיט אִים; אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אִין שְׁטוּבּ מִיט זַיין וַוייבּ אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס בַּאדֶערְט שְׁמוּעֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיס אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אַזַא פָּארְפָאלְק הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, זֵיי הָאבְּן שַׁיָּיכוּת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן מֶען בְּלָאזְט וְכוּ' הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מֶען אִיז צוּקְרִיגְט. אַזוֹי אוֹיךְ, אוּן נָאךְ מֶער אִיז אַ מֶענְטְשׁ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אִים זָאגְט עֶר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז נָאנְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אָבֶּער דֶער וָואס רֶעדְט נִישְׁט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נִישְׁט נָאנְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיס ווִי וֶוער וֵוייסְט וָואס.

דֶערְפַאר הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, אָבֶּער אַ אֶמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס קְוֶועטְשְׁט אִים פַארְצֵיילְט עֶר נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס זֶעט מֶען נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אָז דֶער אִיד אִיז א צַדִּיק, אָז דֶער אִיד אִיז דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גְלַייךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, סְפִירַת הָעֹמֶר חֵלֶק ב', סִימָן ב): מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוֹיבּ מֶען אִיז אַ בַּעַל קֶרִי, אוּן גְלַייךְ אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן אִים לוֹיבְּן, אוּן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט דִיךְ זָאלְסְטוּ אִים פַארְצֵיילְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.
אַ גוּטְן טָאג.

>>>>>>

מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְּרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קֵיין קְרִיגֶערֵיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְּרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרַייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין בַּאבְלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְּרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער ס'אִיז פְּרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה'דִיגֶע וָואךְ סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָּל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶעריבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְּרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעשָׁחְטְ'ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין תִּקּוּנֵי זֹהַר, דַּף קכ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג') "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קֵיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער ווִי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָּל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְּרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל. וָואס טוּט אָבֶּער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט ווִיסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט

<<<<<<

>>>>>>

נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, און זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק און אַ בַּא'טַעֲמְ'קֵייט אִין זַיין שְׁטוּב, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְן זַיין הוֹיז און עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיב פִירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה און מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְן צוּ זָאגְן און רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, און אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע און רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי ווִילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְן צוּ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, און מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת און לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, און עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פְּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת און עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פְּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, און דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי ווִי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט און אַוֶועקְגֶעבְן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## זָאל אִיךְ טֵיילְן דִי יְרוּשָׁה פַאר דִי קִינְדֶער בַּיי מַיין לֶעבְּן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל מִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶער אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים און אִיךְ לֶערְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד, און אִין אַ קוּרְצֶע צַייט הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, עֶטְלִיכֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת, און צְוֵויי מָאל תּוֹסֶפְתָּא, אוֹיךְ בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, און נָאךְ אַסַאךְ שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַלֶע קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, און אוֹיךְ מַיין אַרְבֶּעט וֶוערְט שׁוֹין הַיינְט גֶעטוּן בְּעִקָר דוּרְךְ מַיינֶע אַרְבֵּייטֶערְס, אִיךְ גֵיי נָאר אַרַיין אַפָּאר שָׁעָה אַ וָואךְ אִין דִי אַרְבֶּעט, און יֶעצְט קוּמְט מִיר זֵייעֶר צוּנִיץ דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד, עֶס פִילְט אָן מַיין צַייט, און עֶס גֶעבְּט מִיר סִפּוּק אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן טָאג.

אֵיךְ הָאבּ א זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיךְ אוֹיסְקְלָארְן, אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַבִּיסְל נְכָסִים פַאר דִי קִינְדֶער, און אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּדֵעָה זֵיי עֶס שׁוֹין יֶעצְט צוּ גֶעבְן, וַוייל אַזוֹי קֶען אִיךְ זֶען יֶעדֶער זָאל זַיין צוּפְרִידְן און מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן שְׁפֶּעטֶער חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶער אַ חָבֵר מַיינֶער הָאט מִיר צוּגֶעווִיזְן פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ (פֶּרֶק דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹת כ"ט) אִיבֶּער דֶעם, און אִיךְ וֶועל מַעְתִּיק זַיין דֶעם הֵיילִיגְן לָשׁוֹן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט "אֲבָל רָאִיתִי מִקְצָת אָבוֹת כְּשֶׁיֵּשׁ לָהֶם עֹשֶׁר, בְּבוֹאָם לְיָמִים, נוֹתְנִים לִבְנֵיהֶם לְכָל אֶחָד סַךְ גָּדוֹל אַחַר שֶׁהֵם נְשׂוּאִים, וּמַחֲזִיקִים לְעַצְמָם כְּפִי שִׁיעוּרָא שֶׁמְּשַׁעֲרִים שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם דַּי כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם. זֶהוּ שְׁטוּת גָּדוֹל, וְהוּא שְׁטוּת אֲשֶׁר יָכוֹל לָבֹא לִידֵי עֲבֵירָה גְּדוֹלָה, כִּי מִי יוֹדֵעַ מַה יּוֹלַד יוֹם, אוּלַי יִתְהַפֵּךְ הַגַּלְגַּל עַל הָאָב, וְאוֹי לְאָב שֶׁיָּבֹא עַל שֻׁלְחַן בָּנָיו, כִּי הוּא דָּבָר שֶׁנֶּגֶד הַטֶּבַע, וְהַבָּנִים מַחְזִיקִים אֶת אֲבִיהֶם, וְהוּא עֲלֵיהֶם כְּעֹל הַכָּבֵד, אַף שֶׁהוּא הֶעֱשִׁירָם, כְּבָר נִשְׁכַּח מֵהֶם כָּל הַשֹּׂבַע, וּמִכֹּחַ זֶה בָּאִים הַבָּנִים לִידֵי עָוֹן גָּדוֹל, עַל כֵּן כָּל חָכָם וְכָל הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד לֹא יַעֲשֶׂה כָּזֶה רַק לְעִנְיַן לִתֵּן נְדוּנְיָא לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּךְ חָשׁוּב וְכָשֵׁר יַעֲשֶׂה, מִפְּנֵי שֶׁזֶּה הוּא תַּכְלִית גָּדוֹל, אֲבָל לְחַלֵּק וְלָתֵת מַתָּנוֹת גְּדוֹלוֹת אַחַר כָּךְ לֹא יַעֲשֶׂה כְּלָל כָּל יְמֵי חַיָּיו כִּי אֵין רָעָה בָּעוֹלָם כְּרָעָה הַזּוֹ שֶׁאָב אוֹ אֵם יִסְמְכוּ אֶל שֻׁלְחַן בְּנֵיהֶם רַע וּמַר כַּמָּוֶת", בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט פוּן דֶעם, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן. אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק זֵיי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, און אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זֵיי זָאלְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן, אוֹיבּ אִיךְ פַארְטֵייל מֶער פוּן אַ חוּמָשׁ פַאר צְדָקָה, אוֹיבּ דָאס הֵייסְט אָז אִיךְ הָאבּ צוּגֶענוּמֶען פוּן דִי קִינְדֶער וָואס קוּמְט זִיךְ זֵיי עַל פִּי יֹשֶׁר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

ב' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט אַיינְשְׁפָּארְן מַחֲלוֹקוֹת בַּיי דִי קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועקְטֵיילְן דַיין פַארְמֶעגְן וֶוען דוּ לֶעבְּסְט, נָאר גְרֵייט אָן אַ צַוָּאָה וָואס אִיז עַל פִּי תּוֹרָה. צֶעטֵייל דִי פַארְמֶעגְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַז נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן זֵיי בַּאקוּמֶען יְרוּשָׁה. עַל פִּי תּוֹרָה יַרְשֶׁ'ענֶען נָאר דִי זִין, און אַז מֶען ווִיל גֶעבְן פַאר דִי טֶעכְטֶער - דַארְף מֶען פַארְשְׁרַייבְּן אַז מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ מַתָּנָה, נִישְׁט קֵיין יְרוּשָׁה, אַזוֹי אִיז נִישְׁטָא קֵיין מַחֲלוֹקוֹת.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אַזוֹי אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אַלֶע זָאלְן שְׁרַייבְּן צַוָּאָה וֶוען מֶען אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, צוּ פַארְמַיידְן מַחֲלוֹקוֹת צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער.

אַז דוּ פַּארְטֵיילְסְט צְדָקָה וֶועט דִיךְ דִי צְדָקָה רַאטֶעוֶוען פוּן גֵיין אֵין גֵיהִנּוֹם, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בָּבָא בַּתְרָא יא.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער קֶענִיג מוֹנְבַּז הַמֶּלֶךְ אוּן הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ? פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ אַוֶועק דַיין גֶעלְט פַאר צְדָקָה? לָאז אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער, דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן דוּ טֵיילְסְט אוֹיס דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה?!" הָאט מוֹנְבַּז הַמֶּלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ לְמַטָּה", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן דָאס בַּאהַאלְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי לְמַעְלָה", אוּן אִיךְ בַּאהַאלְט מַיין גֶעלְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ בְּמָקוֹם שֶׁהַיָּד שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גֶעלְט אָבֶּער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס גַנְבֶ'עֶנֶען, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי בְּמָקוֹם שֶׁאֵין הַיָּד שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בַּאהַאלְטְן מַיין גֶעלְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט גַנְבֶ'עֶנֶען, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ דָּבָר שֶׁאֵין עוֹשֶׂה פֵּירוֹת", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גֶעלְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ נִישְׁט, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה פֵּירוֹת", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאהַאלְטְן מַיין גֶעלְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס הַאלְט אִין אֵיין וֶוערְן מֶער אוּן מֶער, וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן אִיד, מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד, בַּאקוּמְט מֶען זְכוּתִים פַאר אַלֶע תּוֹרָה וּמִצְווֹת פוּן יֶענֶעם אִיד, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ מָמוֹן", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט גֶעלְט, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי אוֹצְרוֹת נְפָשׁוֹת", אוּן אִיךְ לֵייג אַוֶועק נַפְשׁוֹת, אִיךְ רַאטֶעוֶוע מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ לַאֲחֵרִים", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט אַוֶועק גֶעלֵייגְט פַאר זִיךְ נָאר פַאר אַנְדֶערֶע, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי לְעַצְמִי", אִיךְ לֵייג אָבֶּער אַוֶועק פַאר מִיר פַאר יֶענֶע וֶועלְט, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ לָעוֹלָם הַזֶּה, וַאֲנִי גָּנַזְתִּי לָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נח, ח): 'וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ, כְּבוֹד ה' יַאַסְפֶךָ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן
זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פאספארט אלערט: צייט צו באקוקן די פאספארטן צו קענען אנקומען קיין אומאן אויף ראש השנה

מיט יעדע פארבייגייענדע טאג ווערט די בענקשאפט צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה שטארקער. מען שפירט אין די לופטן דעם רבי'נס רוף "קיינער טאר נישט פעלן", "ראש השנה קען איך יעדעם פארריכטן", אנשי שלומינו ווילן שוין קויפן טיקעטס צו קענען פארן צום הייליגן רבין. "פלען איט רייט" איז אין די טעג שטארק פארנומען אויסצוארבעטן די פלענער וואס ווען און וויאזוי מען זאל קענען אנקומען אמבעסטן קיין אומאן היי יאר.

דאס איז פשוט אז קיין אומאן קומט מען נישט אן סתם דורך קויפן א טיקעט, צוערשט קומט תפילה, וואס אן דעם קען מען דאך גארנישט, בפרט ווען עס קומט צו פארן צום רבי'ן קיין אומאן, פארלייגט זיך דער סמ"ך מ"ם צו שטעלן שטיינער אין וועג. בפרט ווען די מצב אין אוקראינע איז פארנעפלט שוין איבער צוויי יאר.

אבער אנשי שלומינו האבן שוין געזען אז מיט תפילות קען מען פועל'ן, אפילו אין די לעצטע צוויי יאר האט מען זוכה געווען צו הערליכע נסיעות קיין אומאן, סיי אין די וועג וויאזוי מען איז געפארן ב"ה, די טשארטערס קיין פוילן, די אפשטעל אין ליזענסק ביים הייליגן ציון, און דערנאך האט מען זיך אפגערוט געגאנגען אין מקוה גדאווענט און געגעסן, אזוי אויך דער וועג אריבער די גרעניץ ביז אומאן.

אזוי אויך אין אומאן זעלבסט האט דער אייבישטער געהאלפן אז עס האט גארנישט געפעלט, די פעקלעך זענען ב"ה אנגעקומען, און מען האט געפועלט ישועות פאר זיך פאר די משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

דאס יאר טוען אנשי שלומינו ווייטער גיסן תפילות בשעת די שטאב פון "פלען איט רייט" איז פארנומען ביז איבערן קאפ צו איבערארבעטן די פלענער אויף די היי יעריגע נסיעה, עס צו מאכן נאך בעסער און נאך געשמאקער. טוען אנשי שלומינו בעטן דעם אויבערשטן זיי זאלן מצליח זיין און טאקע קענען אויספירן מכח אל הפועל די אלע גוטע געדאנקען צו קענען צושטעלן א נסיעה אויפן בעסטן אופן בעזרת השם יתברך.

אין די קומענדיגע טעג האפן מיר אז מיר וועלן קען מעלדן די פרישע אפדעיטס איבער די נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ה, אבער די קומענדיגע אלערט איז גילטיג אויפן יעצטיגן מאמענט: די פאספארטן.

עס איז שטארק רעקאמענדירט אלע זאלן איבערקוקן די פאספארטן פון זיך און די קינדער און קוקן ווען עס לויפט אפ, ווייל פילע לענדער לאזן נישט אריין מיט א פאספארט וואס לויפט אפ אין וויניגער פון דריי חדשים, און פילע עירליינס זענען נאך אפילו מער מחמיר, און זיי פארלאנגען א פאספארט וואס איז פעליג אויף א האלבע יאר שפעטער. דאס מיינט אז אפילו אויב די עקספייערעישאן דאטום איז א גאנצע יאר פון יעצט (ביז למספרם אפריל 2025), איז שוין רעקאמענדירט צו באנייען דעם פאספארט.

דער וואס האט נאך נישט קיין פאספארט קען גיין צו איינע פון די הונדערטער לאקאציעס וואו מען קען באשטעלן א נייע פאספארט. עס איז כדאי זיי צו רופן פון פריער, צו וויסן וועלכע דאקומענטן מען דארף צושטעלן, און צי זיי מאכן פאספארט בילדער אויפן פלאץ. אויב דארף מען נאר באנייען א פאספארט, קען מען עס אויך טון דורך די פאסט.

די סטעיט דעפארטמענט זאגט אז עס געדויערט אין די טעג צו פראצעסירן א פאספארט בערך 2 חדשים, און נאך א חודש וואס עס נעמט אנצוקומען און ארויסצושיקן.

פאר אנשי שלומינו איז צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה א זאך אויף וואס מען קען נישט מוותר זיין, לב יודע מרת נפשו, יעדער וויל תשובה טון, יעדער וויל זיין אן אמת'ער ערליכער איד, יעדער דארף ישועות. וויאזוי קען מען בלייבן אינדערהיים ווען דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט זיין א לאיער פאר יעדער וואס קומט צו אים אויף ראש השנה? און כאטש דער סמ"ך מ"ם טוט אונטערלייגן שטיינער און פיסלעך אויף אלע זייטן, טוען אנשי שלומינו מתפלל זיין מען זאל זיי אלע קענען איבערקומען, און זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבין אויף ראש השנה.

**אומן אומן ראש השנה!**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## אָ?! בָּ?! גָ?! דָ?!

**האסטו דען יא פארשטאנען אין כתה א' פארוואס מען לערנט אזוי?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,2,2,9,33**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל הכהן ראזענבערג** הי"ו קרית יואל
חבר הנהלה במוסדותינו הקדושים
צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **נחמן נייששטיין** הי"ו בארא פארק
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ראובן בירנבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אברהם צוויבל** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380